34 אַז עס איז נאָנט בײַ דער טיר. באמת זאָג איך אײַך,
דאָס דאָזיקע דור וועט נישט פאַרגיין, ביז דאָס אַלץ
35 וועט געשעען; דער הימל און די ערד וועלן פאַרגיין,
מײַנע ווערטער אָבער וועלן בשום אופן נישט פאַרגיין.
36 נאָר וואָס שייך יענעם טאָג און שעה ווייסט קיינער
נישט, אַפילו נישט די מלאָכים אין הימל, אויך דער
37 זון נישט, אַ חוץ דער פאָטער אַליין. וואָרום אַזוי ווי
עס איז געווען אין נח'ס טעג, אַזוי וועט עס זײַן בײַ
38 דעם קומען פון דעם בן־אדם. וואָרום ווי אין יענע
טעג פאַרן מבול האָבן זיי געגעסן און געטרונקען,
חתונה־געהאַט און חתונה־געמאַכט, ביז צו דעם
39 טאָג, ווען נח איז אַרײַנגעגאַנגען אין דער תיבה, און
האָבן גאָרנישט געוואוסט ביז דאָס מבול איז געקומען,
און אַלעמען אַוועקגעטראָגן; אַזוי וועט אויך זײַן
40 בײַם קומען פון דעם בן־אדם. דעמאָלט וועלן צוויי
זײַן אין פעלד; איינער ווערט מיטגענומען, און
41 איינער איבערגעלאָזט. צוויי פרויען וועלן מאָלן
אויף דער מיל; איינע ווערט מיטגענומען, און איינע
42 איבערגעלאָזט. דעריבער וואַכט, ווײַל איר ווייסט
43 נישט, וועלכן טאָג אײַער האַר קומט. דאָס אָבער
זאָלט איר וויסן, אַז אויב דער בעל־הבית וואָלט
געוואוסט אין וועלכן משמר דער גנב קומט, וואָלט
ער געהאַלטן וואַך, און נישט דערלאָזט אונטערגראָבן
44 זײַן הויז. דערפאַר זאָלט איר אויך זײַן גרייט!
ווײַל דער בן־אדם קומט אין אַ שעה, ווען איר מיינט
45 נישט. ווער זשע איז דער געטרייער און קלוגער
קנעכט, וועמען דער האַר האָט געזעצט איבער זײַן
הויז־געזינט, אַז ער זאָל זיי געבן די שפּייז אין
46 דער ריכטיקער צייט? וואויל איז יענעם קנעכט,
וואָס, ווען זײַן האַר קומט, געפינט ער אים אַזוי טון.
47 באמת זאָג איך אײַך, ער וועט אים זעצן איבער